# צום פינטל

גליון טז
פרשת משפטים תשפ"ג

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### כי תקנה עבד

### ◆ די מושג עבדות און די דרגות אין דעם

אין די פרשה איז מבואר די דין פון א 'עבד עברי', איז לאמיר זיך מתבונן זיין בכללות אין די מושג 'עבדות'. די 'דרך העולם' איז אז יעדער מענטש אויף דער וועלט איז פארנומען טאג און נאכט, צו אויפבויען זיין מציאות, אזוי האט דער אייבישטער אויסגעשטעלט די וועלט, אז יעדער מענטש דארף אריין לייגען אלע זיינע כוחות זיך צו ערלעדיגען נכסים, זיינע עסן און טרינקען, בויען א משפחה, פארשאפן א דירה, און אזוי ווייטער.

א 'עבד' אבער איז אנדערשט, א עבד האט בכלל נישט קיין אייגענע מציאות, די אלע זאכן וואס בויען אויף דער מציאות פונעם מענטש, די אלע זאכן האט ער נישט, זיין געלט, זיין הויז, זיין ווייב און קינדער, אלעס אלעס באלאנגט פארן אדון זיינער, ער האט נישט גארנישט וואס זאל אים געבן עטוואס א אייגענע מציאות.

דאס איז ביי א 'עבד כנעני', אבער א 'עבד עברי' איז אביסל שוואכער, א עבד עברי האט יא אביסל זיין אייגענע מציאות, ער האט זיין אייגענע יידישע ווייב און קינדער, זיין אייגענע געלט. נאר בשעת ער איז ביים אדון, איז ער יא גאנץ שטארק בטל צום אדון, ער וואוינט ביי אדון, דער 'אדון' געהט אים איבער א שפחה כנענית, און די קינדער וואס ווערן געבוירן באלאנגען פארן 'אדון', און ווי ס'קוקט אויס אז בשעת ער איז ביים אדון איז ער כמעט ווי א 'עבד כנעני'. בפרט אז אפילו זיין עכטע ווייב, זיין יידישע ווייב וואס ער האט געהאט פון פארדעם, זי קומט אויך אריין אין רשות פונעם אדון, אזוי ווי רש"י הקדוש ברענגט אז זי קומט אריין צום רשות פונעם אדון.

וואס פון די אלע זאכן זעהט מען, אז בשעת דער 'עבד עברי' איז ביים אדון, ווערט זיין מציאות גאנץ שטארק בטל צום אדון, די חילוק צווישען אים און א 'עבד כנעני' איז מער כלפי די פארדעם און די נאכדעם, אז א עבד כנעני איז קנוי קנין עולם, ער האט קיינמאל נישט קיין שום אייגענקייט, מה שאין כן א 'עבד עברי' האט זיין אייגענע מציאות פארדעם און נאכדעם, פארן אריינקומען צום אדון, און נאך זעקס יאר וואס ער ווערט באפרייט.

און דאס גופא איז די ציווי התורה אין די פרשה, אז א עבד עברי זאל ארויס גיין ביי זעקס יאר, און ער זאל נישט בלייבן אינטער טעניגט אונטערן אדון פאר אייביג ווי א 'עבד כנעני'. א עבד כנעני איז משועבד פאר אייביג, ער איז א 'עבד בעצם', און א 'עבד עברי' איז נאר באופן עראי, און די טעם זאגען אונז די חז"ל 'כי לי בני ישראל עבדים, עבדי הם ולא עבדים לעבדים', און דורעך דעם וואס נאך זעקס יאר, וועט ער ווערן באפרייט, ווערט עס נישט פאררעכנט ווי ער איז א עבד, ווייל די גאנצע עבדות זיינער איז נאר א 'עראי'.

### ◆ א עבד עברי און א עבד כנעני

ס'איז ידוע צוויי שטארקע חילוקים פון א עבדי עברי און א עבד כנעני, איינס, אז אז א 'עבד כנעני' איז גופו קנוי, ער איז ווי 'שורו וחמורו', מה שאין כן א עבד עברי. צוויי, אז א עבד כנעני איז 'הוקש לקרקעות', און א עבד עברי איז ווי מטלטלין. און די לומדים (קובץ הערות) זענען מסביר אז די צוויי זאכן גייען צוזאמען, א עבד כנעני איז סיי 'גופו קנוי' און סיי 'הוקש לקרקעות', און א עבד עברי וואס איז נישט גופו קנוי, איז אוטאמאטיש אויך נישט 'הוקש לקרקעות'.

**א עבד האט בכלל נישט קיין אייגענע מציאות, די אלע זאכן וואס בויען אויף דער מציאות פונעם מענטש, די אלע זאכן האט ער נישט, זיין געלט, זיין הויז, זיין ווייב און קינדער, אלעס אלעס באלאנגט פארן אדון זיינער, ער האט נישט גארנישט וואס זאל אים געבן עטוואס א אייגענע מציאות**

די ביאור פון דעם איז, אז א עבד עברי איז טאקע שטארק נכנע אונטער'ן אדון, אבער נישט בעצם, זיין עבדות איז נישט בקביעות, ס'איז נאר א עראי'דיגע זאך בשעת'ן זיין אונטער זיין רשות, און דערפאר ווערט ער פאררעכנט ווי מטלטלין וואס זענען עראי'דיג, און נישט ווי קרקע וואס איז קבוע. מה שאין כן א 'עבד כנעני' וואס ער איז א 'עבד' בקביעות, א עבד בעצם, איז דאס פאר רעכנט ווי קרקע, ווי למשל אין די ביזנעס וועלט, האט דאס א ווערט ווי קרקע, ס'האט די 'ווליא' אזוי ווי קרקעות וואס זענען קבועים.

ביי יעדע ארבעטער איז דא צוויי חלקים, זיין גוף און זיין ארבעט, ס'איז דא ארבעטערס ווי א 'פועל' אדער א 'שכיר', וואס דער בעל הבית איז נאר קונה זייער ארבעט, נישט זייער גוף, און ס'איז דא ארבעטערס וואס דער בעל הבית איז קונה אויך זייער גוף, ווי למשל ביי א עבד כנעני. און די לומדים זענען מסביר אז בעצם ביי אלע ארבעטערס איז דער עיקר וואס דער בעל הבית דארף איז די ארבעט, נאר די 'גוף' ווערט משועבד לצורך די ארבעט.

יעצט אין די נקודה גופא איז דא גאר אסאך דרגות, ס'פאנגט זיך אהן ביי א 'עבד כנעני', וואס זיין גוף ווערט אינגאנצן משועבד לצורך די ארבעט, עד כדי כך אז ער קען גארנישט טוהן פאר זיין אייגענע צרכים, יעדעס רגע פון זיין מציאות, יעדעס ברעקל פון זיין יקום, איז משעבוד און אוועקגעגעבן פארן די אדון זיינער, וואס דאס גופא מיינט בעומק 'גופו קנוי' אז ער קען גארנישט טוהן פאר זיין אייגענע גוף, דער אדון האט יעדעס ברעקל פון זיין מציאות.

דערנאך קומט א 'עבד עברי' וואס זיין גוף איז אויך משעבוד לצורך די ארבעט, אבער נישט ווי א עבד כנעני וואס איז משעבוד ווי א שור וחמור, דער עבד עברי האט יא עטוואס אייגענקייט פאר זיך. און דערנאך קומט א 'שכיר' אדער א 'פועל', וואס זייער גוף ווערט באמת אויך משעבוד (ווי די פוסקים זאגען אין הלכות שכירת פועלים אז טאמער וואלט נישט געווען א שעבוד הגוף ביי א פועל, וואלט נישט שייך געווען צו מאכן א קנין אין א פועל, ווייל די ארבעט האט נישט קיין ממשות), אבער עס איז אסאך אסאך וויניגער ווי א עבד, ער לעבט און וואוינט פאר זיך, זיין געלט איז זיינס, ס'איז נאר אז ער ווערט מחיוב צו צושטעלן די ארבעט וואס ער האט זיך אינטערגענומען, און די חיוב ארבעט אויף א אופן פון שעבוד הגוף.

### ◆ די קנין פון א עבד עברי

אויך איז מבואר ביי די לומדים (אמרי משה) אז די קנין הגוף פון א 'עבד' איז אנדערשט ווי א חפץ אדער ווי א קרקע, א חפץ אדער קרקע איז א 'קנין חיובי', אבער א עבד איז א 'קנין שלילי', דורעך דעם וואס דער אדון איז שולל די אייגענע מציאות פונעם קנעכט, דורעך דעם ווערט דער קנעכט אונטער געבויגן און נקנה פארן אדון.

און די טעם צו דעם איז, אז א עבד איז דאך א מענטש מיט א אייגענע דעת, ער שטרעבט בדרך הטבע צו בויען זיין אייגענע מציאות, און זיין אייגענע מציאות איז סותר דער בעל הבית'ס מציאות, ממילא איז נישט מעגליך אים קונה צו זיין אויף א פשוט'ע וועג, די קנין מוז צוגיין אויף אן אופן פון שלילה,

# לומדים את ר' חיים

## שידוכים ווי א ביזנעס אדער נישט

### • הנושא אשה לשם ביזנעס

מיט א פשוטע בליק וואלט מען געזאגט אז 'שידוכים' איז ווי א ביזנעס, דער חתן האט כך וכך מעלות, דער כלה האט כך וכך מעלות. דער חתן האט כך וכך חסרונות, און די כלה האט כך וכך חסרונות, יעצט דארף זיך יעדער מאכן זיין היים ארבעט (האמראוויק), און אויסרעכנען די פארדינסטן אנטקעגן די הפסדים, שוקל זיין די זאך וואס איז די בעסטע פאר אים, און פראבירן ארויס צוגיין מיט די מערסטע ריווח.

די חז"ל זאגן אז 'הנושא אשה לשם ממון' טויג עס נישט, דארף מען פארשטיין א שידוך איז דאך ווי א ביזנעס, פארוואס זאל איך נישט קענען טוהן א שידוך לשם געלט. די תירוץ איז אז 'געלט' איז דבר טפל מאוד קעגען די עצם פרוי, און ס'איז א פארשטענדליכע זאך אז ס'קומט נישט אויפצוגעבן א דבר עיקרי, פאר א דבר טפל, ס'שפירט זיך גלייך אז טוהן א שידוך מיט א געלט חשבון, איז אוועק געקראכן פון די גראדע רעלסן, אוועק געקראכן פון די גראדע מטרה פון חתונה, און אפילו אין די גאס איז דאס אביסל א מיאוס'ע זאך, ווי איינער זאגט, פאר א נער'ישע פאר דאלער פארקויפסטו זיך.

די גמרא סוף מסכת תענית פארציילט אז כלה מיידלעך פלעגען ארויסגיין אין די כרמים, און מיוחד'דיגע טעג, און די חתנים פלעגען קומען קלויבן ווייבער. און ס'איז געווען צווישן זיי דריי כיתות, די ערשטע צווי כיתות האבן מער גערעדט ביזנעס'דיג, 'תן עיניך ביופי', 'תן עיניך במשפחה'. די דריטע כיתה אבער, וואס זיי האבן נישט געהאט קיין איינע פון די אויבענדערמאנטע מעלות, זיי האבן נישט געקענט ארויס לייגען קיין ביזנעס חשבונות, זיי האבן געזאגט 'קחו מקחכם לשם שמים' (נאר זיי האבן צוגעלייגט 'ובלבד שתעטרוני בזהובים', בעטענדיג מיט דעם אז אויב די ווילסט אונז נעמען, זאלסטו פארדעקן אונזער חסרונות וואס אונז זעמיר נישט שיין, זאלסט עס פארדעקן מיט'ן געבן תכשיטים).

זעהט מען פון די גמרא, אז א שידוך גייט צו ביזנעס'דיג, און וועגען דעם, די וואס האבן געהאט מיט וואס זיך ארויסצושטעלן, זיי האבן זיך טאקע ארויסגעשטעלט, מיטן גאנצן ביזנעס'דיגען קנאק, מיטן גאנצען ביזנעס טעם. נאר די דריטע כיתה וואס זיי האבן נישט געהאט וואס צו פארקויפן, זיי האבן געזאגט 'קחו מקחכם לשם שמים'.

נאך פלעצער זעהט מען אויך ביזנעס חשבונות, ווי למשל ביי די סוגיות פון יחוס, ווי ס'איז מבואר אין סימן ב סעיף ו אז מען זאל נעמען החשוב חשוב קודם, די ערשטע קומט א בת תלמיד חכם, נאכדעם א כהנת, בנות מלכים, בנות ראשי כנסיות, בנות גבאי צדקה, און אזוי ווייטער, ווי ס'ווערט אויסגערעכנט מער פונקטליכער אין שלחן ערוך דארט. זעט מען אלץ חשבונות ווי אזוי אויסצורעכנען די שויות ביים טוהן א שידוך.

און דאס איז געזאגט געווארן ביי מיידלעך, וואס בעצם איז נישט דא דארט אזוי סאך וואס צו שאצן, נאר יופי אדער משפחה (היינטיגע צייטן איז שוין יא דא, ויתבאר במקום אחר). איז כל שכן ווען ס'קומט צו בחורים, וואס מ'קען זיי אליינס מעסטן, מיט זייערע קענטעניסן ביים לערנען אדער אנדערע זאכן וואס זיי טויגען, ביי זיי איז לכאורה פשוט אז מ'רעכנט ביזנעס'דיג, מ'מעסט און משאצט די בחור זעלבסט, און אזוי גייט מען צו צום שידוך.

### • שידוכים מיט אמונה

אבער למעשה זעהט מען אז די חז"ל און די גדולי הדורות ווען ס'איז געקומען צו שידוכים האבן זיי אויפגעהויבן יידישע קינדער צו א וועלט פון אמונה, און זיי האבן א היפשט ביסל פארווישט די גאנצע ביזנעס חלק, זיי האבן אלץ פראבירט צו פארגלייכן און פארווישן די דיפרענצן וואס קומען ארויס פון די אלע סארטן ביזנעס חשבונות, אנווייזענדיג ווי שוואך די חשבונות זענען, און זיי האבן אלץ פראבירט צו מאכן זאכן ווי מער 'פאזיטיוו'.

אויך איז ידוע אסאך חסידישע מעשיות, וואס צדיקים האבן אלץ געזאגט פאר עשירים, אז זייער באשערטע איז דוקא דער ארעמאן, און זיי האבן צומאל געקענט שטארק מזהיר זיין א יוד, אז טאמער וועט ער זיך האלטן צו זיינע ביזנעס חשבונות, קענען ער נאך ווערן פארארעמט וכדומה, כדי עס זאל זיך פארגלייכן די ביזנעס דיפרענצן. און אין די הסיטוריא פון חסידישע רעביס איז דא אפילו ווי צדיקים האבן געטוהן צומאל פשוט'ע שידוכים, ווייל זיי האבן געשפירט אז דאס איז זייערע באשערטער.

און די טעם פון די מהלך קען מען זאגען, ווייל די אלע ביזנעס חשבונות זענען זייער מוגבל און מצמצום, און די הצלחה נאכן חתונה, האט כמעט נישט קיין שייכות מיט די אלע חשבונות, און דער עיקר איז דאך אז נאכן חתונה זאל זיין נשיאות חן צווישען זיי, וואס כלפי דעם מאכט גארנישט אויס די אלע חשבונות (ווי ס'באקאנט פאר איינער וואס ווייסט אביסל). לכן האבן די צדיקים געהאלטן אז ס'איז שוין ליבער ארייננצוגיין אין די זאך מתחילה מיט א אמונה'דיגע קוק, און ארויס לאזען אביסל דעם שארפען ביזנעס'דיגע קוק.

> דער אייבישטער האט באשאפן א 'כח הדוחה' אינעם מענטש, א כח וואס שטופט ארויס די חידושים אינדרויסן, דער מענטש איז נישט סובל אז זיינע חידושים בלייבען פארמאכט אין אים, אבער די 'כח הדוחה' שטופט נאר ארויס איינמאל, אדער דורעך 'דיבור' אדער דורעך 'כתיבה'

ווי אויך, אונז האבן דאך פריער געלערנט פון די וואס האבן געזאגט 'קחו מקחכם לשם שמים', זיי האבן באמת נישט געהאט קיין ביזנעס חשבונות, און זיי האבן חתונה געהאט 'לשם שמים'. זיי האבן נישט געהאט קיין גלאנצדיגע 'עבר', און זיי האבן זיך געשטארקט צו חתונה האבן 'לשם שמים', מיט' א תקוה צום אייבירשטען אז דער 'עתיד' וועט זיך פארבעסרען, און זיי וועלן קענען אויפשטעלן א ערליכע יידישע שטוב, זייענדיג א שמח בחלקם.

איז צדיקים און ערליכע יידען האבן אלץ ארויסגענומען די גמרא 'קחו מקחכם לשם שמים', אז אפילו איינער וואס האט יא ביזנעס חשבונות, אזא איינער דארף אויך ארייננמישען דעם 'לשם שמים', ער זאל אויך נישט זיין אזוי צוגעבינדען צו די ביזנעס חשבונות, צו דעם עבר, נאר נאכן מברר זיין ווי ס'קומט, איז מען ארייגעטאנצען אינעם 'עתיד' מיט א פרישע האפענונג פון אמונה, אז דער אייבישטער איז דער מזווג זיווגים, און ווייסט ווער ס'איז די ריכטיגע זיווג, ווער ס'וועט האבן די ריכטיגע נשיאת חן.

### • רבי חיים מיט שידוכים

אויך רבינו הגדול רבי חיים קנייבסקי זצ"ל האט זיך גאר שטארק אפגעגעבן מיט דעם ענין, געבענדיג אסאך חיזוק פאר שידוכים, און שטופנדיג אסאך שידוכים פאראויס פארגלייכענדיג די דיפרענצן, צוזאמען מיט זיין חשובע רעבעצן קנייבסקי וואס האט אויך געשטופט גאר אסאך שידוכים, מאכנדיג זאכן מער פאזיטיוו ס'זאל פארן. און די זאך איז מיסודו פונעם הייליגען חזון איש וואס ער אליינס האט זיך אסאך אפגעגעבן מיט שידוכים, אנטראגנדיג שידוכים, און אסאך שידוכים האט ער אפילו אויסגעפירט.

און אלץ איז געווען ביי רבינו רבי חיים זצ"ל באגאסן מיט אמונה, אז די אלע ביזנעס דיפרענצן, וואס מאכן זיך ביי שידוכים, מאכן נישט צו סאך אויס, חזר'נדיג דעם יסוד פונעם חזון איש אז ביי שידוכים זעהט מען בחוש אז ס'פירט זיך פון אויבן, און ס'איז א שאד אריין צו פאלן מיט ביזנעס'דיגע אייגענע חשבונות.

א עלטערע בחור איז אמאל אריין געקומען צו רבי חיים, אז ס'קומט אים ארויף אסאך ספיקות אויף א שידוך, און רבי חיים האט אים אנגעשריגן אז מ'דארף נישט זיין אזוי מסופק, און אויב ס'איז נישט דא קיין ממשות'דיגע פגם, זאל מען ממשיך זיין צו טוהן אין דעם שידוך.

און אזוי פלעגט ער קלענער מאכן אפילו זאכן וואס ווערט לכאורה

## שהכל ברא לכבודו

די חז"ל האבן מתקן געווען די ברכה פון 'אשר קדשנו על העריות' אויף די קידושין, און אויף די חופה האבן זיי מתקן געווען 'שבע ברכות', זעקס ברכות צוזאמען מיט בורא פרי הגפן. און ווי די ספרים הקדושים זאגען, איז דאס א קדושה און א השפעה פארן גאנצען לעבן, די קידושין חופה און די ברכות, באגלייטען די חתן און כלה זייער גאנצע לעבן.

איז לאמיר זיך מתבונן זיין אין די פשט פון די ווערטער פון די זיבן ברכות. די ערשטע ברכה איז 'שהכל ברא לכבודו', מ'לויבט דעם אייבירשטען אויף די פארזאמלטע וואס זענען זיך צוזאמגעקומען.

ס'איז יתכן אנצוקוקען די ברכה ווי א קבלת רשות פון די פארזאמעלטע, אזוי ווי ווען מ'פאנגט אהן א דרשה פרעגט מען פארדעם רשות, כדי משתף צו זיין דעם עולם און באקומען כח צום דרשה. די זעלבע איז מיט די ברכות, די פארזאמעלטע זענען דאך געקומען צו געבן כבוד און חשיבות פאר די שמחה, איז פאר מ'גייט מאכן אלע ברכות, פרעגט מען קודם רשות פון די פארזאמלטע, און די רשות זאגט מען מיט א צורה פון א ברכה.

און בפרט אז די דין איז אז מ'דארף האבן א פנים חדשות, זעהט מען אז מ'דארף האבן די פארזאמעלטע, מדארף זיי זאלן צוגעבן צו די שמחה, נאר דעמאלטס קען מען מאכן פרייליכערהייט די ברכות. איז מאכט מען צוערשט די ברכה 'שהכל ברא לכבודו', לויבנדיג צום ערשט אויף די פארזאמעלטע זעלבסט, אויף די עם הנאספים, און נאכהער קען מען אריבער גיין צו די אנדערע ברכות, וואס זיי זענען אויף די חתן און כלה מיט די שמחת החתונה.

## די ענין פון ברכות

און צו בעסער פארשטיין, דארף מען מסביר זיין די ענין פון ברכות בכלל, וואס מ'זעט אז גאר אסאך זאכן האבן די חז"ל אריינגעלייגט אין א צורה פון א ברכה. און באמת קען מען מסביר זיין די ענין פון אסאך ברכות אויף א פשוט'ע אופן, אז די טבע האדם איז דאך צו טראכטן און רעדן פון די זאכן וואס ער טוט יעצט, למשל א מענטש עסט און טרינקט, איז די טבע צו רעדן פון די עסן, ווי גוט אדער ווי שלעכט דאס איז, און אזוי ביי יעדער זאך וואס ער טוט.

זענען געקומען אונזערע הייליגע חז"ל און געזאגט אז אנשטאט מ'זאל זיצן אין עסן און זאגן אהה!! אזא גוטע טשאלענט, אנשטאט דעם זאל מען זאגען די זעלבע ווערטער אין א צורה פון א ברכה, לייג עס אריין אין ווערטער פון א ברכה פארן אייבערשטן.

אנשטאט צו זיצן אונטערן זון, און טראכטען אדער זאגן 'אזא געשמאקע זון', אנשטאט דעם זאל מען עס אריין לייגן אין א ברכה, לויבנדיג דעם אייבערשטן 'יוצר המאורות'. אנשטאט זיצן און לערנען און זאגן פאר די חברותא אהה! אזא געשמאקע שטיקל תורה, אנשטאט דעם זאל מען עס זאגען פארן אייבירשטען, מאכן עס א לויב פאר זיין ליבען נאמען.

איז די זעלבע זאך איז אויכעט דא, אנשטאט צו טראכטן און רעדן פון די פארזאמעלטע, לייגען עס די חז"ל אריין אין א ברכה, און נאכדעם קען מען אריבערגיין צו די אנדערע ברכות אויף די חתן און כלה זעלבסט. (און קוק שפעטיר ביי די ברכה פון שמח תשמח אז עס איז בעצם א ווינטש פארן חתן, נאר אריייגעלייגט אין א צורה פון א ברכה פארן אייבירשטען).

**ס'איז א ווינטש פאר די חתן און כלה אין א צורה פון א ברכה, ווינטשענדיג פאר זיי אז זיי זאלען האבן א גליקליכע לעבן צוזאמען, מיט א השתוות און אהבה ווי צוויי רעים און דודים, און ס'זאל זיי זיין אזוי געשמאק צוזאמען, אזוי ווי פאר אדם און חוה אין גן עדן**

## יוצר האדם

די צווייטע ברכה איז 'יוצר האדם' וואס מ'לויבט אויף די באשאף פונעם מענטש זעלבסט, און ס'איז ידוע די קשיא אז די ברכה וואלט מען געדארפט מאכן ביים געבוירן ווערן, נאר פשט איז אז מ'זוכט נישט דא בכלל צו מאכן א ברכה אויפן מענטש זעלבסט, מ'זאגט עס נאר בהכרח כדי צוצוקומען צו די ברכה אויף די חתן און כלה. ווייל נאר נאכדעם וואס מען לויבט אויף די יצירה פונעם מענטש זעלבסט, נאר נאכדעם קען מען לויבן אז דאס איז געווען אויף א אופן פון 'צלם ודמות', אויף א אופן פון זכר ונקבה - חתן וכלה.

## אשר יצר את האדם בצלמו

די דריטע ברכה 'אשר יצר את האדם בצלמו', לויבט מען דעם אייבערשטן אויף דעם, אז דער באשאף פונעם מענטש איז געווען בצלם ודמות, וואס דאס מיינט באופן פון 'זכר ונקבה', ווי די פסוק זאגט אין פרשת בראשית (בראשית א כו כז) 'נעשה אדם בצלמנו כדמותנו וכו', ויברא אלקים את האדם בצלמו בצלם אלקים ברא אותו, זכר ונקבה ברא אתם'. וואס מ'זעט גאנץ קלאר פון די פסוקים, אז דער ענין פון 'צלם ודמות', איז די ענין פון 'זכר ונקבה ברא אתם'.

און דאס איז וואס מען זאגט אין די ברכה 'אשר יצר את האדם בצלמו, בצלם דמות תבניתו, והתקין לו ממנו בנין עדי עד וכו''. קודם לויבט מען אויף די 'צלם' - אשר יצר את האדם בצלמו, נאכדעם לויבט מען אויף דער 'דמות' - בצלם דמות תבניתו, און דערנאך קומט מען לויבען אויף די נקבה - 'והתקין לו ממנו בנין עדי עד', וואס דאס איז איין ענין מיט די ענין פון 'צלם ודמות', ווי אונז האב מיר געזען אין די פסוקים.

ס'איז דא וואס זענען עס מסביר, אז דער 'צלם' איז די כח פון דער זכר, ווייל דער 'צלם' איז מער די אינדערוועניגע חיות פונעם מענטש, און די 'דמות' איז מער א חיצונית'דיגע זאך, וואס איז מסמל מער דער כח הנקבה, ווי ס'איז מבואר אין ספרים אז 'דמות' איז די מידת המלכות וואס איז מסמל די נקב'.

## שוש תשיש

די פערדע ברכה איז 'שוש תשיש', וואס פשוט פשט לויבט מען דעם אייבערשטן אויף די קינדער וואס גייען געבוירן ווערן, דורעך די דאזיגע חתן און כלה, און דאס וואס מ'ריפט אהן די פרוי 'עקרה', דאס איז לכאורה נאר על דרך הפיוט והמליצה, לפי די לשונות פון די פסוקים אויף וואס די ברכה איז געבויט.

אויך קען מען זאגען פשט, אז ווען ס'קומט צו לויבן בפיוט ובמליצה, איז די ווערט 'עקרה' זייער טיף אויף ארויסצוברענגען די לויב, דער מענטש שפירט זיך ווי איינער זאגט, איך האב גארנישט, איך בין כאילו ווי עקרה, און אלע קינדער וואס איך גיי האבן איז ווי א מתנת חנם פון דיינע חסדים, וועגן דעם רופט זיך עס 'ותגל העקרה'. (און פארשטייט זיך אז עס גייט אויך ארויף אויף ירושלים, נאר דא זעמיר מסביר על פי פשט).

## שמח תשמח

דערנאך קומט די פיפטע ברכה 'שמח תשמח', וואס מ'לויבט דעם אייבירשטען אויף די צוזאם לעבן פון די חתן וכלה, און מ'רעדט צו די חתן און כלה 'פריידטס ענק גוטע פריינט, אזוי ווי דער אייבישטער האט ענק פרייליך געמאכט און גן עדן', ס'איז א ווינטש פאר די חתן און כלה אין א צורה פון א ברכה, ווינטשענדיג פאר זיי אז זיי זאלען האבן א גליקליכע לעבן צוזאמען, מיט א השתוות און אהבה ווי צוויי רעים און דודים, און ס'זאל זיי זיין אזוי געשמאק צוזאמען, אזוי ווי פאר אדם און חוה אין גן עדן. (און קוק אויבען, ווי מיר האבן מסביר געווען די ענין פון בענטשן יענעם, מיט א צורה פון א ברכה).

# פרשה
המשך

דער אדון זאל שולל זיין אינגאנצען דער אייגענע מציאות פונעם עבד, וואס נאר דורעך דעם קען ער ווערן נקנה פארן אדון.

### קנין קידושין איז א קנין שלילי

אגב איז כדאי צו צולייגען, אז אויך די קנין פון א פרוי צו איר מאן, דורעך קדושין און נשואין, איז אויך עטוואס א קנין שלילי. ווייל די פרוי האט דאך אויך אירע אייגענע דעת און מציאות, וואס דאס איז בעצם סותר דער מאן'ס מציאות, וועגן דעם מוז עס צו גיין אויף א אופן פון 'שלילה', אז דער מאן איז שולל די אייגענע מציאות פון די פרוי, און נאר אזוי ווערט זי נקנה פאר איר מאן, דורעכן זיך צובינדען צו זיין נאר מיט אים.

ביי 'קדושין' איז די 'שלילה' אז זי טאר נישט נתקדש ווערן צו א צווייטן, ווי די גמרא (קידושין דף ב ע"ב) זאגט 'נאסרת אכולי עלמא כהקדש', זי בינדט זיך צו צום מאן און זי ווערט נשלל פון אלע מענער אויף דער וועלט, און דייקא דורעך דעם ווערט זי נקנה נאר צו אים. און אזוי אויך ביי חופה און נשואין, איז דער מאן איר שולל פון אלע אירע ממונות'דיגע זאכן, ווי די הלכות וואס ווערן מבואר אין הלכות כתובה (ליורשה לטמאה ולהפרת נדריה וכו'), און דורעך דעם וואס זי בינדט זיך צו צו אים, דייקא דאס איז די קנין צו אים.

און פארקערט פון דעם איז א 'גט', אויב קידושין איז געווען אז זי האט זיך צוגעבינדען נאר צו אים, איז א 'גט' א 'כריתות', מ'שניידט אפ די דאזיגע שטריק און קשר וואס האט פארבינדען צווישען זיי, און ממילא איז זי צוריק אין איר אייגענע רשות. און די זעלבע איז ביי א עבד, היות זיין גאנצע קנין איז דאס וואס ער איז צוגעבינדן צום אדון בקנין שלילי, ממילא די רגע וואס דער אדון געט א 'גט', ווערט ער אפגעשניטן, און ער קומט אריין אין זיין אייגינע רשות.

[הגם דאס אלעס איז נישט ממש פשוט, ס'איז נישט פשוט אז קידושין און חופה איז א קנין שלילי, ס'איז יא דא משמעות'ן אז ס'איז א קנין 'חיובי', און אויך איז נישט פשוט אז א 'גט' איז פשוט א אפהאקעכץ פון די קידושין, ס'איז דאך יא פשטות משמע אז מ'געבט ממש פאר די פרוי, איר זיך אליין, בחיובי. און די זעלבע די גט שחרור, מ'געבט פארן עבד זיין זיך אליין בחיובי. אבער פון דעסטוועגען האבן מיר דא געברענגט די דאזיגע לומדות, ווייל דאס איז א געוויסע כלליות'דיגע קוק, און אפילו אויב למעשה איז נישט אזוי, איז דאס נאר אז פון די קנין שלילי, איז שוין געווארן א חיובי, אבער די התחלה האט אסאך צו טוהן מיט א קנין שלילי, ואין כאן מקומו להאריך].

# לומדים את ר' חיים
המשך

**באמת פארעכנט ווי חסרונות, ווי למשל אז די כלה איז צען יאר יונגער פון די חתן, פלעגט ער זאגן אז שרה איז דאך אויך געווען צען יאר יונגער, אלץ האט ער אזוי פארגוטיגט. און אפילו א שידוך פון א גרוש האט ער געזאגט אז ס'איז נישט בהכרח אז ס'איז א חסרון, ס'איז תלוי אין די סיבה פארוואס ער איז א גרוש, און צומאל איז דאס גארנישט.**

**צומאל האט מען אים געפרעגט וועגן חתונה האבן מיט א 'גיורות', פלעגט ער זאגן אברהם אבינו זעלבטס איז דאך אויך געווען א 'גר', אלעס האט ער אזוי קלענער געמאכט אז ס'איז נישט אזא חסרון, ס'איז נישט אזוי געפערליך, העיקר אז ער זאל זיין ערליך און קענען לערנען, און נישט צוסאך אריינקריכן, נאר זיין פריילך און צופרידן.**

**מ'האט אים אמאל געפרעגט צו מ'זאל טוהן א שידוך פון א חשובע משפחה, וואס נעבעך א פעטער האט זיך דארט געשמדט רח"ל, האט רבי חיים געזאגט 'מיר האבן אויך געהאט א פעטער עשיו, ס'איז גארנישט ס'איז נישט געפערליך'. אמאל האט מען אים געפרעגט וועגן א בחור א מצוין, אבער די מאמע האט געהאט נפשיות'דיגע פראבלעמען, האט רבינו געזאגט אז ס'איז בסדר.**

**און רבינו פלעגט ארויס ברענגען ווי יעדער חסרון קען מען זעהן דערביי א מעלה, און אזוי פלעגן אסאך חסרונות ווערן אביסל קלענער, און אזוי האט ער פארגוטיגט פיל קליינע חסרונות, פיל פחדים פון אהער און אהין, אלץ האט ער אזוי פארגוטיגט כדי אויסצוגלייכן די דיפרענצן, כדי די זאך זאל ווערן מער פאזיטיוו מיט די ריכטיגע כבוד צו די זאך, און אזוי קענען קומען לידי גמר.**

**רבינו האט אמאל געזאגט, אז מאכט זיך אמאל אז איינעם שטערט דאס אז די מדובר האט א לאנגע בארד, האט רבינו געזאגט אז ווען ס'וועט קומען די ריכטיגע שידוך, דאן וועט דער דאזיגע חסרון גופא ווערן איבערגעדרייט פאר מעלה, ער וועט דוקא וועלן איינער מיט א לאנגע בארד.**

**און בכלל האט ער שטארק געהאלטן אז ס'איז נישט דוקא ריכטיג מברר צו זיין 'יותר מדאי', ווייל אז מ'איז מברר יותר מדאי ווערט מען צום סוף אפגעהאלטן און מ'דערלייגט. און ווי עלטער מ'ווערט דארף מען נאך ווייניגער אריין קריכן אין די קישקעס, משל למה הדבר דומה א חודש פאר סוכות קען מען בוחר זיין און פיקן, אבער ממש פאר סוכות, איז שוין נישט דא קיין צייט.**

# נישואין
המשך

### אשר ברא

און אחרון חביב קומט די ברכה 'אשר ברא' וואס דאס איז א ברכה מיוחדת אויף דער ענין פון שמחה בכלל, און במיוחד אויף די ענין פון שמחה ביי חתן וכלה, וואס דאס איז דאך דער שפיטץ פון אלע שמחות. און אויף דעם לויפען די לשונות פון שמחה פון די גאנצע ברכה, ששון ושמחה גילה רינה דיצה וחדוה, און דערנאך 'חתן וכלה', וואס דאס איז די שפיטץ שמחה.

אלע פרעגען, פארוואס ביי די ברכה פון 'שמח תשמח' זאגט מען 'משמח חתן וכלה', און ביי די ברכה פון 'אשר ברא' זאגט מען 'משמח חתן עם הכלה' (און ס'גייט אויף אזוי ווייט, אז די פוסקים זאגען בשם ר' חיים קנייבסקי זצ"ל אז אויב מ'טוישט ארום די נוסח, וועט עס הייסען א 'משנה ממטבע שטבעו חכמים בברכות', און דאס איז געווען ביי רבי חיים פאר א דבר פשוט).

מ'קען פארענטפערן די גרויסע קשיא, מיט דעם וואס מ'האט געשמיסט, אז די ברכה פון 'שמח תשמח' איז נישט קיין ברכה אויף שמחה, דער עיקר ברכה איז אויף די צוזאם לעבן פון די חתן און כלה, אויף די השתוות און צוזאם לעבן באהבה, ממילא זאגט מען 'חתן וכלה' מיט א ווא"ו החיבור, וואס איז מבטא אז די חתן און כלה זענען שוה בשוה.

אבער די ברכה פון 'אשר ברא' איז דאך א מיוחד'דיגע ברכה אויף די ענין פון שמחה, איז משמח זיין, איז דער אייבישטער משמח דעם חתן, נישט די כלה, דער אייבישטער איז משמח דעם חתן אז ער האט באקומען אזא כלה. דער כלה ווערט טאקע אויטאמאטיש פריילך, ווייל ס'איז א שמחה פאר די כלה, אז דער חתן איז פריילך מיט איר, אבער דער עיקר שמחת החתונה פאריפט זיך מער אויף אים, אז דער אייבישטער איז משמח דעם חתן אז ער האט גוט איינגעקויפט, ער האט זיך איינגעהאנדלט א גוטע כלה.


## נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: shalomlangs@gmail.com**
**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**


עיצוב: י.כ. +972-52-763-3424